**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/1/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול פארעהרט העלדן לכבוד ערשטן יארטאג פון האריקעין ׳איידע׳**

***לייענט די פראקלאמאציע [דא](#)***

אום ערשטן יארטאג פון האריקעין ׳איידע׳, האט גאווערנער קעטי האוקול פארעהרט זיבן ניו יארקער פאר זייער העלדישע שריטן אויף די שפורן פון דעם שטורעם, וואס האט אנגעפלייצט הייזער און שאסייען, און גורם געווען ביליאנען דאלארען שאדן און אומגעברענגט 18 ניו יארקער. גאווערנער האוקול האט אויך ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע](#) צו פארעהרן סעפטעמבער 1׳טן, 2022, אלס האריקעין ׳איידע׳ אנדענק טאג. דער פראגראם איז פארגעקומען ביי ׳עלמקאר׳ יוגנט און ערוואקסענע אקטיוויטעטן אין קווינס אין באגלייטונג פון ארטיגע קאמיוניטי פירער און צוזאמארבעטער אין רעגירונג.

״׳איידע׳ האט אנגעברענגט אומבאשרייבליכע חורבנות צו קווינס, אבער אויף אירע שפורן האבן מיר געזען פילצאליגע שריטן פון העלדישקייט פון דער קאמיוניטי,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אין ניו יארק, קומען מיר זיך צונויף און הייבן זיך איינער דעם אנדערן אין צייט פון איבערקערעניש און ייאוש, און איך אפלאדיר די יחידים פאר זיך איבערגעבן פאר אנדערע לײדנדע. אין די ערגסטע צייטן האבן זיי אונז געוויזן די בעסטע פון דער מענטשהייט — און די בעסטע פון ניו יארק.״

דער גאווערנער האט אויך פארעהרט די פאלגענדע יחידים ביי די היינטיגע צערעמאניעלע פראגראם:

- מעינעל ׳דזשוניאר׳ מארענא און דזשעניפער מארענא
- טאָם גרעך, פרעזידענט פון קווינס טשעימבער אָוו קאָמערס
- טאפאדאר סאוראוו ארבעטער ארגאניזירער אין ׳לאקאל 79׳
- רעווערענד פעטריק יונג, ערשטע באפטיסט קירכע
- יאסערלי דזשענאאו-עסטרעלא, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון נעיבערהוד האָוזינג סערוויסעס
- סאאידא דונסטאן, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון ׳עלמקאר׳ יוגנט און ערוואקסענע אקטיוויטעטן

אויף די שפורן פון האריקעין ׳איידע׳, האבן ניו יארק סטעיט רעגירונג אינסטאנצן ביי יעדן שטאפל געארבעט אינאיינעם מיט דער פעדעראלער רעגירונג, פריוואטע סעקטאר ארגאניזאציעס און קאמיוניטי וואלונטירער וואס האבן זיך אפגערופן צום שטורעם, ראטעווען לעבנס און באשיצן די געזונט און זיכערהייט פון מענטשן במשך דער עמערדזשענסי די צוזאמארבעטשאפט האט פראדוצירט שטערקערע באמיאונגען וועלכע האבן געהעכערט דער סטעיט׳ס גרייטקייט, פלאנירונג, טרענירונג און קאאפעראציע.

פריער דעם פרילינג, האט ׳יונייטעד סטעיטס דעפּאַרטמענט פון האָוזינג און אינער-שטאטישע דעוועלאפמענט׳ (HUD) אויסגעמאלדן א [באשטימונג פון 3 ביליאן דאלער אין CDBG-DR געלטער](#) צו העלפן קאמיוניטיס זיך יושר׳דיג ערהוילן פון דיזעסטערס, אריינגערעכנט האריקעין ׳איידע׳, און בויען

ווידערשטאנד-פעאיגקייט צו קלימאט ענדערונג. GOSR איז אלאקירט געווארן 41.2 מיליאן דאלער צו שטיצן די היינטיגע פארגעשלאגענע פראגראמען.

גאווערנער האוקול האט געשאפן אן עמערדזשענסי דיזעסטער דעקלעראציע און א ׳מעידזשער דיזעסטער׳ דעקלעראציע פון פרעזידענטביידען נאך די חורבנות אנגעברענגט דורך האריקעין ׳איידע׳ און איר פרעצעדענטלאזע, היסטארישע מאס רעגנגאס. די קאונטיס געדעקט דורך דער דעקלעראציע רעכענען אריין: בראנקס, דוטשעס, קינגס, נעסאוי, ניו יארק, אראנדזש, פוטנעם, קווינס, ריטשמאנד, ראקלענד, סופאלק, סוליוואן, אולסטער, וועסטשעסטער.

פאריגע וואך, האט גאווערנער קעטי האוקול היינט געמאלדן דאס ארויסגעבן א פארגעשלאגענעם אקציע פלאן דורך דער גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג זיך צו ערהוילן פון האריקעין ׳איידע׳, און פארשטערקערן די ווידערשטאנד-פעאיגקייט פון קאמיוניטיס אין צוקונפטיגע שטורעם פאסירונגען. דער פארגעשלאגענער פלאן רעכנט אריין 41.2 מיליאן דאלער אין פעדעראלע פינאנצירונג צו שטיצן אונטערנעמונגען וועלכע וועלן העלפן איינוואוינער איבער ניו יארק סיטי זיך צופאסן צו די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג און גלייכצייטיג שטעלן אלס הויפט ציל היסטאריש אונטערסערווירטע קאמיוניטיס.

דער גאווערנער האט געמאלדן אז דער סטעיט וועט זאמלען פובליק מיינונגען אויף פארשידענע ערליי פארגעשלאגענע פראגראמען וואס וועט פארריכטן ׳איידע׳-פארבינדענע שאדנס צו פריוואטע וואוינונגען, פארבעסערן ווידערשטאנד-פעאיגקייט צו רעדוצירן ריזיקע פון צוקונפטיגע פלייצונג שאדנס, און צו פאקוסירן אויף ערהוילונג אין נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע קאמיוניטיס. ניו יארקער פון איבער ניו יארק סיטי ווערן פארבעטן אריינצוגעבן זייערע מיינונגען אויף דעם פלאן [דא](#) ביז סעפטעמבער 28, דורך אנטיילנעמען פערזענליך אין דעם פובליק היערינג אום סעפטעמבער 8, 6:30 אוונט, ביי ניו ראשעל סיטי האָל, אדער די ווירטועלע היערינג אום סעפטעמבער 13, 6:30 אוונט ([דרוקט דא פאר ווירטועלע היערינג אינפארמאציע](#)).

**קאנגרעספרוי אלעקסאנדריע אקאסיאו-קארטעז האט געזאגט,** ״אין אן אבסאלוט איבערקערנדער מאמענט פאר אונזער קאמיוניטי, געבן די פירער האפענונג פאר אונז אלע. דורך דעם ביישפיל, האבן זי געוויזן די כוח פון זיך צוזאמקומען — און אזויפיל פון זיי האבן דאס געטון אין קריזיס נאך קריזיס, פון קאָוויד ביז ׳איידע׳. אויף דעם פאראייליגטן יארטאג, איז וויכטיג צו אנערקענען די ריזיגע פארלוסט וואס אונזער קאמיוניטי האט געליטן — וויפיל מוטשען זיך נאך זיך צו ערהוילן און וויפיל קענען מער קיינמאל נישט צוריק גאנץ געמאכט. קיינער ווייסט נישט בעסער ווי די פירער, וועלכע האבן פון זיך אזויפיל אוועקגעגעבן. מיר דאנקען זיי פאר דאס וואס זיי האבן פון זיך מקריב געווען און זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו קווינס.״

**קאנגרעספרוי גרעיס מענג האט געזאגט,** ״האריקעין ׳איידע׳ האט איבערגעקערט מיין דיסטריקט און דער קווינס קאמיוניטי. א יאר צוריק זענען הייזער פארפלייצט געווארן, פראָפערטיס חרוב געמאכט און לעבנס זענען טראגיש פארלארן געווארן, אריינגערעכנט זעקס פון די ווילער אין מיין דיסטריקט. בשעת מיר שטייען אויס ווייטער שוועריגקייטן אין איבערבויען קווינס און ניו יארק סיטי, איז עס איז מיר א כבוד צו שטיין ביי דער זייט פון גאווערנער האוקול בשעת זי גיבט אנערקענונג צו ארטיגע העלדן אויף די שפורן פון דעם שטורעם וואס איז געגאנגען העכער און ווייטער צו העלפן זייערע געגנטער. זינט האריקעין ׳איידע׳ האט אנגעקלאפט אין ניו יארק סיטי, האבן מיר געמאכט א צאל פארשריטן צו ווייטער באשיצן אונזער קאמיוניטי פון דעם חורבן פון פאריגעס יאר, אבער עס איז נאך דא אסאך ארבעט צו טון. איך קוק ארויס אנצוהאלטן ווייטער די ארבעט אויפ׳ן פעדעראלן שטאפל און געמיינזאם מיט ארטיגע באאמטע צו באשיצן די איינוואוינער פון קווינס און ניו יארק כדי אז דער איבערקערעניש און לעבנס פארלוסט טרעפט זיך נישט קיינמאל נאכאמאל.״

**סטעיט סענאטארקע דזשעסיקע ראַמאָס האט געזאגט,** ״אפשפיגלענדיג אויף אלע ארבעט וואס איז געטון געווארן, אריינגערעכנט א 27 מיליאן דאלערדיגע פאָנד פאר אומדאקומענטירטע איבערלעבער פון ׳איידע׳ און 41 מיליאן דאלער אין דעם סטעיט דורכגעפירטן בודזשעט פאר ׳איידע׳ פארלייכטערונג, בין איך דאנקבאר אז דער גאווערנער האט זיך אפגערופן אזוי ווירקזאם אין די ערשטע טעג פון איר אמט. מיינע שכנים וואוינען אין פארנט ליניע קלימאט קאמיוניטיס, און זיי נייטיגן זיך סיי אין די דזשאָבס וואס וועלן קומען פון א יושר׳דיגע טראנזיציע און א קאנצענטראציע פון די ווידערשטאנד-פעאיגקייט אינוועסטירונגען. עס איז דא א סאך ארבעט צו טון צו לינדערן די שאדנס פון צוקונפטיגע שטורעמעס, אבער היינט פארקלערן מיר זיך און פארעהרן די ניו יארקער וואס מיר האבן פארלוירן פאריגעס יאר צוליב קלימאט ענדערונג.״

**סטעיט סענאטארקע טאבי ען סטאוויסקי האט געזאגט,** ״היינט געדענקן מיר די לעבנס פארלוירן נאך דעם טראגישן שטורעם וואו 11 מענטשן פון קווינס זענען אומגעקומען. במשך גאווערנער האוקול׳ס ערשטע וואך אין אפיס האבן מיר באזוכט די וועלכע האבן מיטגעמאכט איבערקערנדע דורכלעבענישן, אריינגערעכנט די טויט פון זייערע טייערע און באליבטע. מיר פארעהרן אויך די וועלכע האבן וואלונטירט און געדינט אונזערע שכנים במשך זייער גרעסטער צייט פון נויט. א יאר צוריק האט גאווערנער האוקול צוגעזאגט זיך אומצוקערן. א צוזאג געמאכט. א צוזאג איינגעהאלטן.״

**אסעמבלי-מיטגליד קאטאלינע קרוז האט געזאגט,** ״א יאר צוריק האבן מיר געזען א קלארן בילד פון וואס עס געשעענט ווען מיר טוען נישט פאסיג אינוועסטירן אין די ארבעטער אין ארעמקייט און אין באשיצן אונזער ענווייראָנמענט. ׳איידע׳ האט געמאכט חורבנות אין אונזער קאמיוניטי און אלצדינג צוגענומען פון אונזערע שכנים. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האוקול פאר׳ן באלד תיכף אריינטרעטן, באזוכנדיג אונזערע שכנים און איינשאפן מיליאנען פאר די וועלכע זענען ארויסגעלאזט געווארן פון FEMA׳ס הילף. אין דעם אלעם, האבן מיר געזען די הימליכע שליחים וואס האבן צוגעטרעטן צו העלפן, פשוט ווייל דאס איז דער ריכטיגער זאך צו טון. עס איז מיר א כבוד צו רופן אזעלכע מענטשן ווי יאסעלין הענאאו, טאָם גרעק, און רעווערענד יונג מיינע פריינט, און צו זען אונזערע צוזאמארבעטער אין ׳לעיבאָר לאקאל 79׳, ווי אויך צו אנערקענען סאאידא און דזשוניאר פאר זייער זעלבסטלאזע ארבעט. עס קומט זיך זיי אנערקענונג און נאך אסאך מער. אונזערע שכנים וואלטן זיך נישט געקענט צוריקשטעלן אויף זייערע פיס אן דעם. מיר האבן א ווייטע וועג צו גיין אויף ווירקליך צוריקצודרייען דעם זייגער אויף די שאדנס וואס מיר האבן אנגעברענגט פאר אונזער ענווייראָנמענט. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט גאווערנער האוקול אויף צו לייזן דער וויכטיגער נושא און פארזיכערן אז אונזער אינפראסטרוקטור קען ווירקליך אויסהאלטן אונזערע קאמיוניטיס.״

**קווינס באָרא פרעזידענט דאנאוון ריטשערדס דזשוניאר האט געזאגט,** ״איין יאר צוריק היינט, האבן טויזנטער קווינס איינוואוינער פון פלאשינג ביז האליס און נאך ווייטער געזען ווי זייערע לעבנס האבן זיך געענדערט אין איין רגע. אבער פון די סצענעס פון איבערקערעניש איבער גאנץ קווינס זענען געקומען מעשיות פון שכנים וואס האבן געהאלפן שכנים — און אפילו גענצליך פרעמדע האבן צוגעטרעטן צו העלפן קליידן און שפייזן פאמיליעס וועלכע האבן אזויפיל פארלוירן. היינט פארעהרן מיר די וועלכע האבן פארלוירן זייערע לעבנס אין דער קאטאסטראפע, און מיר פארעהרן די אלע העלדן וועלכע האבן צוגעלייגט א האנט אין איינע פון אונזערע באָרא׳ס גרעסטע צייטן פון נויט.״

**ערשטע באפטיסט קירכע רעווערענד פעטריק יונג האט געזאגט,** ״פאריגעס יאר האט האריקעין ׳איידע׳ צוטרייסלט אונזערע קאמיוניטיס איינגאנצן, אבער אין דער זעלבער צייט האבן זיך אונזערע שכנים צוזאמגענומען און זיך פאראייניגט. איך דאנק גאווערנער האוקול פאר איר פירערשאפט און פאר ארבעטן האנט-ביי-האנט מיט אונזער קירכע אויף צוצושטעלן הילפס-מיטלען און אונז העלפן זיך אומקערן צו נארמאל.״

**מעינעל מארענא האט געזאגט,** ״איין יאר צוריק האט האריקעין ׳איידע׳ זיך אנגעשטויסן אין מיין קאמיוניטי פון איסט-עלמהורסט, חרוב מאכנדיג הייזער און ביזנעסער. אויף די שפורן דערפון האבן אונזערע שכנים לענגאויס דער קאמיוניטי זיך פאראייניגט אין די פארלייכטערונג ארבעט. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האוקול פאר קומען צו דעם געגנט און העלפן צוריקשטעלן אונזערע שכנים צו נארמאלקייט.״

**׳נעיבערהוד האָוזינג סערוויסעס פון קווינס׳ CDC עקזעקיוטיוו דירעקטאר יאסעלין דזשענאאו עסטרעלא האט געזאגט,** ״מיר לויבן גאווערנער האוקול און איר מאנשאפט פאר ברענגען די הילפס-מיטלען צו אונזערע קאמיוניטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך האריקעין ׳איידע׳ און קאָוויד-19 פאנדעמיע און פאר די היינטיגע אנערקענונג פון אונזער ארבעט. מיר זענען דאנקבאר צו אונזערע שכנים פאר אונז ערמעגליכן זיי צו דינען אין זייער צייט פון נויט.  זיי האבן אונז געוויזן אז קיין שום שטורעם אדער פאנדעמיע קען נישט אפשטעלן קווינס איינוואוינער פון זיך פאראויס ציען.  אלס אליין א סופערסטאָרם ׳סענדי׳ איבערלעבער, איז די ארבעט פאר מיך זייער פערזענליך. איך בין געבענטשט צו ארבעטן ביי NHS פון קווינס זייט-ביי-זייט מיט קאלעגעס מיט אומפארגלייכבארע איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן די לעבנס פון אונזערע שכנים דורך צושטעלן פראגראמען און סערוויסעס אויף א בכבוד׳דיגן אופן. אונזער פיצל אבער מעכטיגע ארגאניזאציע איז געווען אינסטרומענטאל אין אריינברענגען הילפס-מיטלען, וואלונטירער, און אנדערע צוזאמארבעטער צו אינוועסטירן אין און פארשטערקערן קווינס. זינט דעם טאג נאך דעם האריקעין, האבן NHSQ שטאב מיטגלידער אנגעקלאפט אויף טיר אין געגנטער אפעקטירט צו פארזיכערן אז מענטשן און פאמיליעס זענען אפגעהיטן און באקומען פארלייכטערונג סערוויסעס.  אבער עס נעמט א גאנצן שטעטל, און מיר קענען נאר טון אונזער ארבעט דורך ארבעטן אלע אינאיינעם. דער וועג צו ערהוילונג איז א ווייטער, און מיר קוקן ארויס אויף ווייטער צוזאמארבעט צו ברענגען שטאנדהאפטיגע, פראגמאטישע, בכבוד׳דיגע, ווידערשטאנד-פעאיגע פראגראמען און אינוועסטירונגען אין קווינס.״

**׳עלמקאר׳ יוגנט און ערוואקסענע אקטיוויטעטן עקזעקיוטיוו דירעקטאר סאאידא דונסטאן האט געזאגט,** ״אונזער קאמיוניטי איז שווער באטראפן געווארן מיט קאָוויד, אָווערדאָוס און דערנאך איז אנגעקומען ׳איידע׳. איין יאר נאך דעם שטורעם געדענקען מיר די וועלכע האבן פארלוירן זייערע לעבנס, היימען און סטאביליטעט. איינע פון אונזער עלטערע-ערוואקסענע צענטערס איז געווארן אנגעפלייצט און חרוב געמאכט, און דאס האט ארויסגעזעצט אונזערע מיטגלידער אויף 10 חדשים. מיר פרייען זיך צו זאגן אז מיר זענען היינט אפן אויף צוריק. ׳עלמקאר׳ שטאב מיטגלידער האבן אויפגעטרעטן אזוי ווי זיי האבן געטון שוין צענדליגע יארן און וועט פארזעצן ווייטער די ארבעט פאר די מענטשן.״

**׳נעיבערהוד האָוזינג סערוויסעס׳ עקזעקיוטיוו דירעקטארין יאסעלין דזשענאאו עסטרעלא האט געזאגט,** ״האריקעין ׳איידע׳ האט איבערגעקערט פילע געגנטער אין אונזער שטאט פאריגעס יאר. אלס יוניאָן מיטגלידער לעבן מיר מיט א געפיל פון פאראנטווארטליכקייט צו אונזער שטאט און אונזערע קאמיוניטיס, און דערפאר האבן מיר גענומען שריטן צו העלפן די וועלכע זענען שטארק געשעדיגט געווארן דורך די פארפלייצונג. מיר דאנקען גאווערנער האוקול פאר אנערקענען אונזער וואלונטיר דיזעסטער פארלייכטערונג ארבעט, און פאר׳ן שטיין מיט די באטראפענע קאמיוניטיס צו פארזיכערן ווידערשטאנד-פעאיגקייט ביים אויסשטיין ענדערנדע קלימאט מוסטערן.״

**קווינס טשעימבער אָוו קאָמערס פרעזידענט טאָם גרעך האט געזאגט,** ״עס איז מיר א כבוד צו זיין א טייל פון דער גרופע אנערקענט פאר אונזער ארבעט אויף די שפורן פון האריקעין ׳איידע׳. מיין ראלע ביי דעם קווינס טשעימבער אָוו קאָמערס איז נישט קיין דזשאָב נאר א ברענענדיגער נויט, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האוקול׳ס שטיצע.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418